גליון 256
נח תשפ"ו



# דעם רבינ'ס מעשיות

לעידוד וחיזוק הלימוד והחזרה
בספה"ק סיפורי מעשיות משנים קדמוניות
שסיפר רבינו הקדוש רבי נחמן מברסלב זיע"א

## צְוֵויי אִינֶערְלִיכֶע שְׁטִימֶעס

מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט דִי וָואךְ וִוי דֶער בֶּן יָחִיד הָאט גֶעוָואלְט פַארְרֶעכְטְן זַיין חִסָּרוֹן. אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען בֶּעטְן פוּן זַיין טַאטְן - דֶער רָב זָאל אִים לָאזְן פָארְן צוּם צַדִּיק - וַוייל אַזוֹי הָאבְּן אִים זַיינֶע חֲבֵרִים גֶערָאטְן. זַיין טַאטֶע הָאט פְּרוּבִּירְט אִים צוּ צוּרִיקְהַאלְטְן דֶערְפוּן אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, בִּיז צוּם סוֹף הָאט עֶר מַסְכִּים גֶעוֶוען אַז עֶר זָאל פָארְן, מִיטְן תְּנַאי אַז דֶער טַאטֶע קוּמְט מִיט. פָארְנְדִיג, הָאבְּן זֵיי זִיךְ אָנְגֶעשְׁטוֹיסְן אִין פַארְשִׁידֶענֶע מְנִיעוֹת, וֶוען יֶעדֶעס מָאל הָאט דֶער טַאטֶע זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט מוּסְרְ'ן אַז מֶען זֶעט אַז מֶען דַארְף נִישְׁט פָארְן, אוּן אַז דִי נְסִיעָה אִיז נִישְׁט בַּאשֶׁערְט. אַזוֹי הָאט זִיךְ עֶס אִיבֶּערְגֶע'חַזְרְ'ט עֶטְלִיכֶע מָאל, אוּן דֶער זוּן הָאט וַוייטֶער גֶעלֶעכְצֶעט צוּ עֶרְפִילְן זַיין חִסָּרוֹן.

וֶוען מֶען לֶערְנְט דִי מַעֲשֶׂה אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶע ווְאוּנְדֶער. פַארְוָואס דַארְף דֶער זוּן פָארְן דַוְוקָא מִיטְן טַאטְן? דֶער טַאטֶע שְׁפִּירְט דָאךְ נִישְׁט קֵיין שׁוּם חִסָּרוֹן. אַלְץ פָּארְט אִים גוּט אוּן גֶעשְׁמִירְט, אוּן עֶר לֶעבְּט זִיךְ רוּאִיג. אָבֶּער דֶער זוּן אִיז אוּמְרוּאִיג, צוּשְׁטוּרֶעמְט אוּן צוּמִישְׁט, וִויפִיל עֶר לֶערְנְט אוּן דַאוְונְט שְׁפִּירְט עֶר אַז עֶפֶּעס פֶּעלְט אִים, אַזוֹי וִוי אַ דָארְשְׁטִיגֶער גְלוּסְט צוּ שְׁטִילְן זַיין דָארְשְׁט. דֶער זוּן וָואלְט גֶעדַארְפְט פָארְן אָן זַיין טַאטֶע אוּן עֶרְפִילְן זַיין חִסָּרוֹן, אוּן אָנְקוּמֶען פְּרֵייְלִיכֶערְהֵייט צוּ זַיין רוּאִיגְקַייט?

נָאר דִי פְּנִימִיּוּת פוּן דִי מַעֲשֶׂה אִיז מְרַמֵּז אוֹיפְן 'טַאטֶע אוּן זוּן' וָואס גֶעפוּנֶען זִיךְ אִין אוּנְז. דָאס הַארְץ אִיז מְרַמֵּז אוֹיפְן זוּן, אוּן דִי שֵׂכֶל - דִי חָכְמוֹת, זֶענֶען מְרַמֵּז אוֹיפְן טַאטְן.

אוּנְזֶער הַארְץ גְלוּסְט צוּ גֵיין אוּן פָארְן צוּם צַדִּיק, צוּ זוּכְן אַ רְפוּאָה אוּן זִיךְ אָנְפוּלְן מִיט הַתְמָדַת הַתּוֹרָה, מִיט עֶרְלִיכֶע רֵייד, הָאבְּן רֵיינֶע רְצוֹנוֹת, אוּן מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְווֹת בְּשִׂמְחָה. אָבֶּער דַאן קוּמְט דֶער טַאטֶע/שֵׂכֶל אוּן עֶרְקְלֶערְט: צוּ וָואס דַארְפְסְטוּ פָארְן צוּם צַדִּיק, דוּ בִּיסְט דָאךְ אַלֵיינְס אַ צַדִּיק, דוּ לֶערְנְסְט פְלַייסִיג אוּן בִּיסְט מְקַיֵּים דִי מִצְווֹת וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין? אוּן אַזוֹי וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶע מִלְחָמָה צְווִישְׁן אוּנְזֶערֶע מַחֲשָׁבוֹת אוּן הַארְץ.

וֶוען מֶען פָארְט צוּם צַדִּיק אָדֶער מֶען לֶערְנְט זַיינֶע סְפָרִים, דַארְף מֶען צוּגֵיין פוּן אַ חִסָּרוֹן'דִיגֶער שְׁטַאנְדְפּוּנְקְט, אוּן זִיךְ אַיינְהֶערְן צוּ אוּנְזֶער הַארְץ'ס תְּשׁוּקָה זִיךְ צוּ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן צוּ שְׁפִּירְן דִי גְרוֹיסֶע וַוייטְקַייט פוּן אִים, כְּדֵי צוּ רִיכְטִיג מְקַבֵּל זַיין תּוֹרָה אוּן רֵיינֶע יִרְאַת שָׁמַיִם.

יְרַחְמִיאֵל הָאט לִיבּ צוּ לֵיינֶען מַעֲשִׂיּוֹת, אִין שׁוּל זוּכְט עֶר אֵייבִּיג אוֹיף דִי גִילְיוֹנוֹת אַהֵיימְצוּנֶעמֶען אוֹיף צוּ לֵיינֶען.

אֵיין טָאג הָאט עֶר אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ לֵיינֶען אַ גִילָּיוֹן וָואס רֶעדְט זִיךְ פוּן דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן בֶּענְטְשְׁן מִיט כַּוָּונָה. עֶר הָאט זִיךְ גְלַייךְ דֶערְפְרֵייְדְט וַוייל אוֹיף דֶעם עִנְיָן הָאט עֶר גֶעדַארְפְט אַ גְרוֹיסֶע חִיזּוּק. אָט אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט וֶוען עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען מְחַזֵּק זַיין אִין דֶעם גֶעוַואלְדִיגְן עִנְיָן.

אָבֶּער אַן אִינֶערְלִיכֶע שְׁטִימֶע הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ גְרִיבְּלֶען אִין אִים אוּן אִים גֶעזָאגְט: "וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט דִיר, יְרַחְמִיאֵל, דוּ דַארְפְסְט חִיזּוּק אוֹיף אַזַא פָּשׁוּטֶ'ע זַאךְ?! דוּ בֶּענְטְשְׁסְט דָאךְ רִיכְטִיג אוּן דוּ קֶענְסְט זִיךְ אַלֵיינְס מְחַזֵּק זַיין אָן צוּ לֵיינֶען סְפָרִים אוּן צִיטַאטְן פוּן אַלֶע סָארְט סְפָרִים..." אוּן אַזוֹי הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט פוּן לֵיינֶען.

אֵיינִיגֶע מִינוּטְן זֶענֶען אַרִיבֶּער, אוּן עֶר הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט אוֹיף אַ רֶגַע דָאס וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אִין דִי מַעֲשֶׂה. עֶס אִיז דָא אִין יֶעדֶעם אֵיינֶעם דֶער 'בֶּן יָחִיד' וָואס גְלוּסְט זִיךְ מְחַזֵּק צוּ זַיין אִין יֶעדֶע עִנְיָן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן זַיין שֵׂכֶל וָואס רֶעדְט אִים אַיין אַז אַלְץ אִיז בְּסֵדֶר אוּן מֶען דַארְף נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ קֵיין חִיזּוּק פוּן אַנְדֶערֶע אָדֶער פוּן צַדִּיקִים.



# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

## מַעֲשֶׂה ח' - דֶער רַב אוּן דֶער בֵּן יָחִיד

**מַעֲשֶׂה אַמָאל אִיז גִיוֶועְן אַ רָב.** דֶער רָב הָאט קֵיין קִינְדֶער נִיט גִיהַאט. דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גִיהַאט אַ בֵּן יָחִיד. אוּן עֶר הָאט אִים מְגַדֵל גִיוֶועְן. אוּן עֶר הָאט אִים חַתוּנָה גִימַאכְט.

**דֶער בֵּן יָחִיד** פְלֶעגְט צוּ זִיצְן אוֹיף אֵיין אִיבֶער שְׁטִיבְּל אוּן הָאט גִילֶערְנְט. אַזוֹי וִוי דֶער סֵדֶר אִיז בַּיי גְבִירִים. **אוּן פְלֶעגְט לֶערְנֶען אוּן דַאוְוענֶען תָּמִיד.**

**נָאר עֶר הָאט** בַּיי זִיךְ גִיפִילְט **אַז סֶע פֶעלְט אִים עֶפֶּעס אַ חִסָרוֹן.** אוּן הָאט נִיט גִיוואוּסְט וָואס. **אוּן עֶר הָאט נִיט גִיפִילְט קֵיין טַעַם אִין דֶעם לֶערְנֶען אוּן אִין דֶעם דַאוְוענֶען.**

**הָאט עֶר דָאס** דֶערְצֵיילְט **פַאר צְוֵויי יוּנְגֶע לַייט.** הָאבְּן זֵיי אִים אֵיין עֵצָה גִיגִיבְּן. **אַז עֶר זָאל פָארִין צוּ דֶעם אוּן דֶעם צַדִיק.**

**אוּן דֶער בֵּן יָחִיד הָאט גִיטָאן אַ מִצְוָה.** וָואס דוּרְךְ דֶער מִצְוָה אִיז עֶר גִיקוּמֶען צוּ דֶער **בְּחִינָה מָאוֹר הַקָטָן.**

**אִיז גִיגַאנְגֶען דֶער בֵּן יָחִיד** אוּן הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט זַיין פָאטֶער. **בַּאֲשֶׁר עֶר פִילְט נִיט קֵיין טַעַם אִין זַיין עֲבוֹדָה** (כְּלוֹמֶר אִין דֶעם וָואס עֶר דִינְט גָאט דְהַיְינוּ דַאוְוינֶען אוּן לֶערְנֶען אוּן אַנְדֶערֶע מִצְוֹת) אוּן סֶע גֵייט אִים אָפּ אוּן עֶר וֵוייסְט נִיט וָואס. בְּכֵן. **ווִיל עֶר פָארִין צוּ דֶעם צַדִיק** (וָואס מֶען הָאט אִים גִיזָאגְט כַּנַ"ל)

**הָאט אִים דֶער פָאטֶער גִיעֶנְפֶערְט.** וִוי קוּמְסְטוּ צוּ אִים צוּ פָארִין דוּ בִּיסְט זִיךְ מֶער לַמְדָן פוּן אִים. אוּן מֶער מְיוּחָס פוּן אִים. סֶע שְׁטֵייט דִיר נִיט אָן צוּ אִים צוּ פָארִין. גֵיי אַוֶועק פוּן דֶעם וֶועג. בִּיז **דֶער פָאטֶער הָאט אִים נִיט דֶערְלָאזְט צוּ פָארִין צוּם צַדִיק.**

**הָאט זִיךְ דֶער בֵּן יָחִיד** וִוידֶער גִיזֶעצְט לֶערְנֶען. **הָאט עֶר וִוידֶער גִיפִילְט דֶעם חִסָרוֹן.** כַּנַ"ל.

**הָאט עֶר וִוידֶער אֵיין עֵצָה גִיהַאלְטִין** מִיט דִי מֶענְשְׁן. הָאבִּין זֵיי אִים וִוידֶער דִי עֵצָה גִיגִיבְּן **אַז עֶר זָאל פָארִין צוּ דֶעם צַדִיק.**

**אִיז עֶר וִוידֶער גִיגַאנְגֶען צוּם פָאטֶער.** הָאט אִים דֶער פָאטֶער וִוידֶער אָפּ גִישְׁלָאגִין. אוּן הָאט אִים נִיט דֶערְלָאזְט. אוּן אַזוֹי אִיז גִיוֶועְן עֶטְלִיכֶע מָאל.

**אוּן דֶער בֵּן יָחִיד** הָאט אַלְץ גִיפִילְט אַז סֶע גֵייט אִים עֶפֶּעס אָפּ. אוּן הָאט זֵייעֶר גִיבֶּענְקְט עֶר זָאל מְמַלָא זַיין דֶעם חִסָרוֹן (כְּלוֹמֶר עֶר זָאל מִיט עֶפֶּעס פַארֶערכְטְן אַז סֶע זָאל אִים נִיט אָפּ גֵיין) אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גְווּאוּסְט וָואס דֶער חִסָרוֹן אִיז. כַּנַ"ל.

**אִיז עֶר נָאךְ אַמָאל** גִיקוּמֶען צוּם פָאטֶער אוּן הָאט אִים זֵייעֶר גִיבֶּעטִין. בִּיז דֶער פָאטֶער **הָאט גִימוּזְט מִיט אִים פָארִין.** וָוארִין דֶער פָאטֶער הָאט אִים נִיט גִיוָואלְט אַלֵיין לָאזִין פָארִין מַחְמַת עֶר אִיז גִיוֶועְן בַּיי אִים אַ בֵּן יָחִיד.

**הָאט אִים דֶער פָאטֶער גִיזָאגְט** זֶעה אִיךְ וֶועל מִיט דִיר פָארִין. **וֶועל אִיךְ דִיר וַוייזִין אַז עֶר אִיז גָאר נִישְׁט** (כְּלוֹמֶר אַז דֶער צַדִיק אִיז נִישְׁט)

**הָאבִּין זֵיי אַיין גִישְׁפַּאנְט דִי בְּרִיקֶע** אוּן זֶענֶען גִיפָארִין. הָאט דֶער פָאטֶער צוּם זוּן גִיזָאגְט. דָא וֶועל אִיךְ פְּרוּבְן. וֶועט זִיךְ אַנְדֶערְשׁ פִירִין כְּסֵדֶר. אִיז עֶס מִן הַשָׁמַיִם. אוּן אַז נִיט. אִיז נִיט מִן הַשָׁמַיִם אַז מִיר זָאלִין פָארִין. וֶועלִין מִיר זִיךְ אוּמְקֶערִין. **זֶענֶען זֵיי גִיפָארִין.**

**וִוי זֵיי זֶענֶען גִיפָארִין** זֶענֶען זֵיי גִיקוּמֶען צוּ אֵיין קְלֵיין בְּרִיקִיל. **אִיז אַרָאפּ גִיפַאלִין אַ פֶערְד** אוּן דִי בְּרִיקֶע הָאט זִיךְ אִיבֶער גִיקֶערְט. אוּן זֵיי זֶענֶען שִׁיר דֶערְטְרוּנְקֶען גִיוָוארִין.

**הָאט אִים דֶער פָאטֶער גִיזָאגְט** זֶעהְסְטוּ אַז סֶע פִירְט זִיךְ נִיט כְּסֵדֶר. אוּן דִי נְסִיעָה אִיז נִיט מִן הַשָׁמַיִם. **הָאבְּן זֵיי זִיךְ אוּם גִיקֶערְט.**

**הָאט זִיךְ וִוידֶער דֶער בֵּן יָחִיד** גִיזֶעצְט לֶערְנֶען אוּן הָאט וִוידֶער גִיזֶעהְן אַז סֶע גֵייט אִים עֶפֶּעס אָפּ. אוּן עֶר וֵוייסְט נִיט וָואס. **הָאט עֶר וִוידֶער מַפְצִיר גִיוֶועְן דֶעם פָאטֶער.** הָאט דֶער פָאטֶער גִימוּזְט מִיט אִים נָאךְ אַמָאל פָארִין.

**וִוי זֵיי זֶענֶען גִיפָארִין.** הָאט דֶער פָאטֶער וִוידֶער גִישְׁטֶעלְט אוֹיף אַ פְּרוּב אַזוֹי וִוי פְרִיעֶר אוֹיב סֶע **וֶועט זִיךְ פִירִין כְּסֵדֶר** (וְכוּ' כַּנַ"ל).

**וִוי זֵיי זֶענֶען גִיפָארִין זֶענֶען צוּבְּרָאכִין גִיוָוארִין בֵּיידֶע אַקְסִין.** הָאט אִים דֶער פָאטֶער גִיזָאגְט. זֶעה אַז סֶע פִירְט זִיךְ נִיט אוּנְז אַז מִיר זָאלִין פָארִין. וָוארִין אִיז דָאס דֶען אַ דֶרֶךְ הַטֶבַע. אַז בֵּיידֶע אַקְסִין זָאלִין צוּבְּרָאכִין וֶוערִין. וִויפִל מָאל מְאִיז גִיפָארִין מִיט דֶער בְּרִיקֶע. אוּן סֶע הָאט זִיךְ אַזוֹינְס נִיט גִיטְרָאפִין. **הָאבְּן זֵיי זִיךְ וִוידֶער אוּם גִיקֶערְט.**

**הָאט זִיךְ דֶער בֵּן יָחִיד וִוידֶער גִינוּמֶען** צוּם לֶערְנֶען כו' כַּנַ"ל. אוּן **הָאט וִוידֶער גִיפִילְט דֶעם חִסָרוֹן** כַּנַ"ל אוּן דִי יוּנְגֶע לַייט הָאבִּין אִים אַלְץ אָנְגִירֶעט **אַז עֶר זָאל פָארִין.**

**אִיז דֶער בֵּן יָחִיד וִוידֶער** גִיגַאנְגֶען צוּם פָאטֶער. אוּן הָאט אִים וִוידֶער מַפְצִיר גִיוֶועְן. הָאט עֶר גִימוּזְט נָאךְ אַמָאל מִיט אִים פָארִין.

**הָאט דֶער בֵּן יָחִיד צוּם פָאטֶער גִיזָאגְט.** אַז מֶען זָאל שׁוֹין נִיט שְׁטֶעלִין אוֹיף אַזוֹי אַ פּרוּב. וָוארִין דָאס אִיז אַ דֶרֶךְ הַטֶבַע. אַז סֶע

פַּאלְט אַמָאל אַ פֶערְד אַרָאפּ. אָדֶער סֶע וֶוערְן אַקְסִין צוּ בְּרָאכְן. **סַייְדְן סֶע וֶועט עֶפֶּעס זַיין אַ ווִילְדֶע זַאךְ.**

**זֶענֶען זֵיי גִיפָארְן.** אוּן זֶענֶען גִיקוּמֶען נֶעכְטִיגְן אִין אַ קְרֶעטְשְׁמֶע הָאבִּין זֵיי דָארְט גִיפוּנֶען **אַ סוֹחֵר**. הָאבִּין זֵיי מִיט אִים אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ שְׁמוּסִין. אַזוֹי וִוי דֶער סֵדֶר אִיז פוּן סוֹחְרִים.

**אוּן הָאבִּין אִים נִישְׁט גִיזָאגְט** אַז זֵי פָּארִין אַהִין (צוּ אֵיין גוּטִין יְהוּדִי) וָוארִין דֶער רָב הָאט זִיךְ גִישֶׁעמְט צוּ זָאגִין אַז עֶר פָּארְט צוּ דֶעם גוּטִין יְהוּדִי. אוּן זֵיי הָאבִּין גִישְׁמוּסְט וֶועלְט זַאכִין.

**בִּיז אִין דִי רֵייד** הָאבִּין זֵיי אָן גִיהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּסִין פוּן גוּטֶע יוּדִין. וִוי סֶע גִיפִינֶען זִיךְ גוּטֶע יוּדִין. הָאט עֶר זֵיי דֶערְצֵיילְט (דְהַיְינוּ דֶער סוֹחֵר) אַז דָארְט גִיפִינְט זִיךְ אַ גוּטֶער יְהוּדִי אוּן דָארְט.

**הָאבִּין זֵיי אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ שְׁמוּסִין** פוּן דֶעם גוּטִין יְהוּדִי וָואס זֵיי פָּארִין צוּ אִים. הָאט דֶער סוֹחֵר זֵיי גִיעֶנְפֶערְט. דֶער (מִיט אַ לָשׁוֹן ווִי מְפַארְווִינְדֶערְט זִיךְ) **עֶר אִיז זִיךְ אַ קַל** (כְּלוֹמַר נִיט קֵיין עֶרְלִיכֶער יְהוּדִי) אָט פָּאר אִיךְ פוּן אִים. בִּין אִיךְ דֶערְבַּיי גִיוֶועןן **אוּן עֶר הָאט גִיטָאן אֵיין עֲבֵירָה.**

**הָאט זִיךְ דֶער פָּאטֶער אָנְגִירוּפִין** (צוּם בֶּן יָחִיד) זֶעהֶסְטוּ מַיין קִינְד וָואס דֶער סוֹחֵר דֶערְצֵיילְט לְפִי תּוּמוֹ (כְּלוֹמַר עֶר אִיז זִיךְ נִיט מְכַוֵין אִין מִיסְטֶנֶע צוּ דֶערְצֵיילִין שְׁלֶעכְץ פוּן דֶעם גוּטִין יְהוּדִי נָאר דוּרְךְ דִי רֵייד הָאט עֶר עֶס דֶערְצֵיילְט) אָט פָּארְט עֶר דָאךְ פוּן דָארְט. **הָאבִּין זֵיי זִיךְ אוּמְגִיקֶערְט אַהֵיים** (דְהַיְינוּ דֶער רָב מִיט דֶעם בֶּן יָחִיד).

**אִיז דֶער זוּן גִישְׁטָארְבְּן.** אוּן אִיז גִיקוּמֶען צוּ חָלוֹם צוּם פָּאטֶער. הָאט דֶער פָּאטֶער גִיזֶעהְן אַז **עֶר שְׁטֵייט אִין גְרוֹיס כַּעַס** הָאט דֶער פָּאטֶער אִים גִיפְרֶעגְט: פַאר וָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי אִין כַּעַס. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט (דְהַיְינוּ דֶער זוּן וָואס סֶע גִישְׁטָארְבֶּן הָאט גִיעֶנְפֶערְט אִין חָלוֹם דֶעם פָּאטֶער) **אַז עֶר זָאל פָּארִין צוּ דֶעם גוּטִין יְהוּדִי** (וָואס זֵיי הָאבִּין גִיוָואלְט פְּרִיר פָּארִין צוּ אִים) וֶועט עֶר דִיר זָאגִין **פַאר וָואס אִיךְ בִּין אִין כַּעַס.**

**הָאט עֶר זִיךְ אוֹיף גִיחַאפְּט.** אוּן עֶר הָאט זִיךְ גִיטְרַאכְט סֶע אִיז אֵיין מִקְרֶה (כְּלוֹמַר סֶע נָאר אַ חָלוֹם נִיט קֵיין אֱמֶת) **נָאךְ** דֶעם הָאט זִיךְ אִים ווִידֶער אַזוֹי גְחָלִימְט. הָאט עֶר ווִידֶער גִימֵיינְט סֶע אִיז אַ פַּאלְטְשִׁיר חָלוֹם. אוּן אַזוֹי אִיז גִיוֶועןן דְרַיי מָאל.

**הָאט עֶר פַּארְשְׁטַאנֶען.** אַז דָאס אִיז נִיט קֵיין לֶערֶע זַאךְ **אִיז עֶר גִיפָארִין אַהִין** (דְהַיְינוּ דֶער רָב אִיז גִיפָארִין צוּם דֶעם גוּטִין יְהוּדִי וָואס עֶר אִיז פְּרִיר גִיפָארִין מִיט זַיין זוּן אַהִין).

**אוֹיף דֶעם וֶועג** הָאט עֶר ווִידֶער בַּאגֶעגִינְט **דֶעם סוֹחֵר** וָואס עֶר הָאט פְּרִיר בַּאגֶעגִינְט. אַז עֶר אִיז גִיפָארִין מִיט זַיין זוּן. אוּן דֶער רָב הָאט אִים דֶערְקֶענְט. אוּן דֶער רָב הָאט גִיזָאגְט צוּם סוֹחֵר. דוּ בִּיסְט זִיךְ דֶער וָואס אִיךְ הָאבּ דִיךְ גִיזֶעהְן אִין דֶער קְרֶעטְשְׁמֶע.

**עֶנְפֶערְט עֶר אִים** אַוַודְאַי הָאסְטוּ מִיךְ גִיזֶעהְן **אוּן עֶפְּעֶנְט אוֹיף דָאס מוֹיל.** אוּן זָאגְט צוּ אִים. אַז דוּ ווִילְסְט **הָאט שְׁלִינְג אִיךְ דִיךְ אַיין.**

**זָאגְט עֶר צוּ אִים** (דְהַיְינוּ דֶער רָב צוּם סוֹחֵר) **וָואס רֶעטְסְטוּ.** הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט גִידֶענְקְסְטוּ אַז דוּ בִּיסְט גִיפָארִין מִיט דַיין זוּן. אוּן פְרִיר אִיז אַ פֶערְד אַרָאפּ גִיפַאלִין אוֹיף דֶער בְּרִיק הָאסְטוּ זִיךְ אוּם גִיקֶערְט. דֶערְנָאךְ זֶענֶען דִי אַקְסִין צוּבְּרָאכְן גִיוָוארְן דֶער נָאךְ הָאסְטוּ מִיךְ בַּאגֶעגִינְט. **הָאבּ אִיךְ דִיר גִיזָאגְט אַז עֶר אִיז אַ קַל.**

**הַיינְט אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין דַיין זוּן גִיפַּטִירְ'ט.** הַיינְט מֶעגְסְטוּ שׁוֹין פָּארִין. וָוארִין דֶער זוּן אִיז גִיוֶועןן **אַ בְּחִינַת מָאוֹר הַקָּטָן** אוּן דֶער צַדִיק וָואס עֶר הָאט גִיוָואלְט צוּ אִים פָּארִין עֶר **אִיז אַ בְּחִינַת מָאוֹר הַגָּדוֹל.**

**אוּן אַז זֵיי בֵּיידֶע זָאלִין זִיךְ** גִיוֶועןן אִין אֵיינֶעם צוּם אוֹיף קוּמֶען **וָואלְט מָשִׁיחַ גִיקוּמֶען.** אוּן הַיינְט אַז אִיךְ הָאבּ אִים שׁוֹין גִפַּטִירְט. **מֶעגְסְטוּ שׁוֹין פָּארִין.**

**דֶערְוַוייל אִיז עֶר נֶעלָם גִיוָוארִין** אִין דִי רֵייד. (כְּלוֹמַר דֶער סוֹחֵר אִיז פַארְשְׁווּאוּנְדְן גִיוָוארִין פְּלוּצִים אִין דִי רֵייד) אוּן עֶר הָאט נִיט גִיהַאט מִיט וֶועמֶען צוּ רֶעדִין.

**אִיז דֶער רָב גִיפָארִין צוּ דֶעם צַדִיק.** אוּן הָאט גִישְׁרִיגְן **גִיוַואלְד. גִיוַואלְד.** חַבַל עַל דְאַבְדִין וְלֹא מִשְׁתַּכְּחִין (ווֵיי אוֹיף דֶעם וָואס סֶע פַארְלוֹירִין גִיוָוארִין אוּן מֶע קֶען נִיט גִיפִינֶען).

**אוּן דֶער סוֹחֵר אִיז גִיוֶועןן דֶער ס"מ אַלֵיין.** וָואס עֶר הָאט זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט פַאר אֵיין סוֹחֵר אוּן הָאט זֵיי אָפְּגִינַארְט אוּן דֶער נָאךְ אַז עֶר הָאט זִיךְ דָאס אַנְדֶערֶע מָאל בַּאגֶעגִינְט מִיט דֶעם רָב. הָאט עֶר זִיךְ מִיט אִים אַלֵיין גִירֵייצְט.

**נָאךְ וָואס עֶר הָאט אִים גִיפָאלְגְט.** וָוארִין אַזוֹי אִיז דֶער סֵדֶר פוּן דֶעם יֵצֶר הָרָע. פְּרִיר רֶעט עֶר אָן דֶעם מֶענְשְׁן. אוּן אַז דֶער מֶענְשׁ פָאלְגְט אִים חַס וְשָׁלוֹם. רֵייצְט עֶר אַלֵיין זִיךְ דֶער נָאךְ מִיט דֶעם מֶענְטְשְׁן **אוּן אִיז זִיךְ אִין אִים אַלֵיין נוֹקֵם.** נָאךְ וָואס עֶר הָאט אִים גִיפָאלְגְט.

**הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ זָאל אוּנְז מַצִּיל זַיין פוּן אִים. אוּן זָאל אוּנְז אוּם קֶערִין צוּם רֶעכְטִין אֱמֶת אָמֵן.**



נאמען: ___________

# לאמיר זיין פארהערן



## די אכטע מעשה - דער רב און דער בן יחיד

**א. וואס האט געפעלט פארן בן יחיד?**
- ❑ ער האט נישט געקענט לערנען.
- ❑ ער האט נישט געפילט א טעם ביים לערנען און דאווענען.
- ❑ ער האט נישט געקענט דאווענען.

**ב. וואספארא עצה האט מען אים געגעבן?**
- ❑ פָארְן צו דעם און דעם צדיק.
- ❑ לערנען מער פלייסיג.
- ❑ טוהן חסד מיט א צווייטן.

**ג. דורך וועלכע מצוה איז צוגעקומען דער בן יחיד צו א בחינה פון "מאור הקטן"?**
- ❑ ער האט געלערנט אסאך שעות רצופות.
- ❑ געדאווענט מיט כוונה און דביקות.
- ❑ דער רבי זאגט נישט וועלכע מצוה

**ד. וואס האט אים זיין טאטע געענטפערט ווען ער האט געבעטן צו פארן צום צדיק?**
- ❑ דו ביסט מער א למדן פון אים.
- ❑ דו ביסט מער א מיוחס פון אים .
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ה. וואס האט פאסירט ביים פארן צום צדיק דעם צווייטן מאל?**
- ❑ עס איז ארפ געפאלן א פערד און די בריקע האט זיך איבער געקערט, און זיי זענען שיר דערטרונקען געווארן.
- ❑ זיי האבן געפונען א סוחר אין אכסניא.
- ❑ עס האט זיך צובראכןביידע אַקְסִין.

**ו. וואס האט זיי דערציילט דער סוחר אויף יענעם צדיק?**
- ❑ אז ער איז די בחינה פון מאור הגדול.
- ❑ אז ער איז א קל , און ער האט געטאן איין עבירה.
- ❑ אז ער איז זייער א גרויסער צדיק.

**ז. וואס האט פאסירט פארן רב ביים וועג צום צדיק, נאך זיין חלום?**
- ❑ עס איז ארפ געפאלן א פערד און די בריקע האט זיך איבער געקערט.
- ❑ ער האט געפונען דעם סוחר.
- ❑ עס האט זיך צובראכן ביידע אַקְסִין.

**ח. וואס וואלט פאסירט אויב דער בן יחיד וואלט זיך געטראפן מיטן צדיק?**
- ❑ וואלט זיך אויפגעבויעט דער בית המקדש.
- ❑ וואלט משיח געקומען.
- ❑ וואלט ער געווען מער א למדן.

**ט. וואס האט דער רב געשריגן ווען ער איז געקומען צום צדיק?**
- ❑ קיין יאוש איז נישט פארהאנדין.
- ❑ געוואלד געוואלד.
- ❑ גיב מיר א וועג צו תשובה טאהן.

**י. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ❑ איינמאל
- ❑ צוויימאל
- ❑ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

אוואו זעט מען ביי די מעשה אז - לָדוּר בַּעֲלִיָּה הוּא טוֹב יוֹתֵר לַעֲבוֹדוֹת הַבּוֹרֵא מִלָּדוּר בְּבַיִת תַּחְתּוֹן. (המידות, בית) ?

## תשובות אויף די פריערדיגע וואך

ווער האט געלאפן? ווער האט געשריגן? ווער איז זיך אוועק געגאנגען? ווער האט געלאכט? דֶער סָמֶ"ךְ מֵ"ם

# דעם רבינ'ס מעשיות

לְהִתְוַדֵּעַ וּלְהִגָּלוֹת אַז אִיטְלֶעכְס וָוארְט וָואס דָא שְׁטֵייט אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר, אִיז 'קוֹדֶשׁ־קָדָשִׁים', לוֹטֶער 'סוֹדוֹת־הַתּוֹרָה'. מֶען זָאל נִישְׁט מֵיינֶען: "אַז דָאס זֶענֶען חַס־וְשָׁלוֹם פְּרָאסְטֶע מַעֲשִׂיּוֹת"!

צו ענטפערן בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5333372 צו באקומען דעם גליון אין מייל- m025345040@gmail.com